שנה ג׳
נומער ק׳
(הונדערט)
פרשת תולדות
תשפ״ב

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א




**דער ראש ישיבה שליט״א איז משמיע דברות קודש ביים הערליכן סיום מסכת עירובין - מוצאי שבת פרשת תולדות תשפ״א**

## א ווארט
פונעם ראש ישיבה שליט״א

### איך האב ליב תמימות

איך האב ליב תמימות, דערפאר האב איך ליב צו זיצן מיט בחורים און אינגעלייט וואס שלינגען און טרינקען מיט דארשט דעם רבינ׳ס ווערטער אן קיין ליצנות; דאס האט מיר געכאפט ביי מוהרא״ש זכרונו לברכה - דאס תמימות. ווייל ווי מער תמימות א מענטש האט, אלץ מער איז ער א כלי צו מקבל זיין פון הייליגן רבי׳ן.

(עצתו אמונה תולדות תשע״ט)

## זמנים
Liberty

פרשת תולדות תשפ״ב
ב׳ כסלו

הדלקת הנרות ........... 05:29
מוצאי שבת .............. 06:59

מנחה מעריב פאר פרשת ויצא................ 05:35

# שטעטל נייעס

## הערליכער שבת מיט'ן ראש ישיבה

פארגאנגענעם שבת חיי שרה - שבת מברכים כסלו העעל"ט האט מען געהאט די זכיה צו האבן דעם ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל.

פרייטיג צונאכטס נאך די סעודה איז פארגעקומען א שיינער באטע, מען האט געזינגען זמירות שבת קודש צוזאמען פאר א לענגערע צייט, אינמיטן האט זיך די לעקטער אין שטעטל אויסגעשאלטערט, אבערביים בנין פון בית המדרש איז ברוך השם געווען ווייטער לעקטער, צוליב דעם וואס מען האט אינסטאלירט א דזשענערעיטאר, וואס אפאר געטרייע אינגעלייט האבן עס אינסטאלירט אימזיסט. דערנאך האט מען געהערט פונעם ראש ישיבה שליט"א גאר שיינע שמועסן, וואס וועט האפענטליך ווערן געדרוקט ביי א אנדערע געלעגנהייט.

פאר שחרית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט (פעולת הצדיק סימן תתיט און תתכ) אז א צדיק קען נישט זאגן פאר א מענטש צו טוהן א זאך וואס איז מסירות נפש פאר דעם מענטש, אבער דער מענטש דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן ער זאל יא וויסן די אמת וואס ער דארף טוהן, ווייל פונעם צדיק אליין וועסטו פארשטיין די פארקערטע.

צו תפילת שחרית איז דער ראש ישיבה שליט"א צוגעגאנגען צום עמוד, פון וואס אנשי שלומינו זענען זייער נתעורר געווארן.

סיפורי מעשיות האט דער ראש ישיבה ווייטער פארגעלערנט מעשה י"א, דער פאלשער בן מלך האט זיך מתבונן געווען פארוואס ער רודפ'ט דעם אמת'ן בן מלך אומזיסט. האט דער ראש ישיבה שליט"א גאר שטארק ארום גערעדט פון דעם אז א מענטש דארף זיך זייער היטן פון טשעפענען א צווייטן, בפרט אין שטוב דארף מען זייער אכטונג געבן זיך נישט צו קריגן, וואס געווענליך הייבט זיך עס אן פון א קלייניגקייט, ביז עס ווערט א גרויסער פייער רחמנא לצלן. אנשטאט צו בעטן דעם אייבערשטן אז יענער זאל זיך טוישן, און אויפהערן טוהן דאס וואס ער טוט, זאלסטו אין די צייט בעטן דעם אייבערשטן אז דו זאלסט נישט ווערן נערוועז פון יענעם'ס הנהגה.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט די גרויסקייט פון אברהם אבינו, אז ער האט נישט געהאט קיין קשיות אויפן אייבערשטן, אפילו נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט אים געפרואווט מיט שווערע נסיונות, מוהרא"ש זי"ע פלעגט זאגן: 'יעדער האט א קשיא, א בחור האט א קשיא פארוואס האב איך נאכנישט מיין שידוך, א אינגערמאן פרעגט פארוואס האב איך נישט קיין קינדער, אדער פארוואס האב איך נישט קיין פרנסה און אזוי ווייטער, "למה" יאמרו הגוים, "פארוואס" דאס זאגן גוים, א איד האט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן.

מוצאי שבת נאך אבות ובנים האט דער ישיבה שליט"א פארגעלערנט צוויי דפים גמרא און דערנאך זיך אויסגעדריקט ווי שטארק ער האט הנאה געהאט צו זיין אין שטעטל, עס איז זייער א שיינע פלאץ, עס שפירט זיך דא א זויבערקייט א פרייליכקייט.

## א נייע מצה בעקעריי אין שטעטל



צוליב דעם וואס די קהילה איז זיך ברוך השם אזוי שיין צוואוואקסן, האט דער ראש ישיבה שליט"א באשלאסן אז עס איז צייט אריינצושפרינגען אין א נייעם קאסטבארן פראיעקט פון בויען און אהערשטעלן א מהודר'דיגע ברסלב'ע מצה בעקעריי אינעם שטעטל קרית ברסלב ליבערטי, וואס וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף צושטעלן געשמאקע פיינע מצות לכבוד יום טוב פסח פארן געברויך פונעם גאנצן ציבור אנשי שלומינו.

דער פלאן פון בויען א מצה בעקעריי גייט שוין צוריק א לאנגע צייט, פאריאר האט מען שוין געוואלט האבן דעם בעקעריי, אבער למעשה איז עס נישט צושטאנד געקומען, דערנאך האט מען געטראכט נאר צו בויען א בעקעריי פאר ערב פסח זעלבסט, אבער ווי עס הייסט יעצט איז די פלענער צו האבן דעם בעקעריי אין באנוץ פון אפאר וואכן פאר פסח.

אין די צייט האט מען שוין אנגעהויבן אנגרייטן די פלאץ פארן מצה בעקעריי, מען גייט בעז"ה בויען א גרויסן ציגעלנעם אויוון, אין וואס מען וועט נאך מיטן אייבערשטנ'ס הילף אנהייבן צו באקן מצות פאר הי"י יאר פסח הבעל"ט.

דער בעקעריי וועט בעז"ה האבן די שטרענגע השגחה פונעם דיין שליט"א, וואס וועט זיכער מאכן אז די מצות זענען געבאקן מיט די העכסטע מאס כשרות שטאפלען, מיט אלע חומרות והידורים וואס עס פעלט זיך אויס.

## היכל הקודש
# נייעס

היכל הקודש אמעריקא

## פילע צימערן שוין ארויסגענומען ביים שבת התוועדות



ווי שוין באריכטעט גרייטן זיך אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש מיט גרויס פרייד צום געהויבענעם "שבת התוועדות" וואס וועט פארקומען מוצש"ק פרשת פקודי, ראש חודש אדר ב', אינעם פראַכטפולן "קראַון פלאַזאַ האָטעל" אין סטעמפאָרד קאָנעטיקוט - צום גרויסן שמחה פון אנשי שלומינו וואס זענען ברוך השם זוכה און לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא, אפגעזען אין וועלכע אומשטענדן דער אייבערשטער האט אים אריינגעלייגט, און זענען מסיים גאנץ סדר מועד על סדר הש"ס.

די עסקנים האבן אפגעדונגען דעם גאַנצן האָטעל מיט אלע צימערן, פון וואס פילע צענדליגע זענען שוין געווארן אויסגעכאפט אין די קורצע וואך זינט מען האט מפרסם געווען די נייעס איבער דעם געהויבענעם שבת.

אנשי שלומינו ווערן געבעטן מען זאל זיך צואיילן און רעזערווירן א צימער, ווייל ווי עס זעט אויס וועט נישט זיין גענוג צימערן צו אקאמאדירן אלע וואס ווילן זיך באטייליגן, און בפרט אז מען וויל צוערשט געבן די געלעגענהייט פאר אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש זאלן קענען ארויסנעמען א צימער, בעפאר מען עפנט אויף די רעזארוואציעס פארן ברייטן ציבור וואס וויל אויך האבן די זכיה מיטצוהאלטן אזא שיינעם און געהויבענעם שבת אינאיינעם מיטן ראש ישיבה.

צוליב דעם גרויסן פארלאנג פון אנשי שלומינו תושבי ארץ הקודש, וואס ווילן נישט פארפאסן אזא שיינעם "שבת התוועדות" מיטן סיום דערנאך, האט די באקאנטע רייזע אגענטור "פלען איט רייט" ערלעדיגט בס"ד גאר א גוטע פלייט פון ארץ ישראל קיין ניו יארק פאר גאר א גוטע פרייז. פאר מער פרטים קען מען רופן מו"ה אלי קנאלל אויף 718-506-4341.

ווי שוין איבערגעגעבן ווערט צוגעגרייט בעז"ה א הערליכע שבת ווי מען וועט פארברענגען בשבת אחים, דאווענען אינאיינעם, עסן די סעודות שב"ק און זינגען זמירות שב"ק, הערן דרשות התחזקות, פון וואס מען וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף ארויסנעמען התחזקות און כח אנצוגיין פאר זיך פאר די בני בית און די קינדער פאר א לאנגע צייט.

ביז שבת חנוכה איז דא אן "עירלי ביורד ספעשל" פון $985 פאר א קאפל. צו באשטעלן רופט מו"ה שמעון פיש הי"ו 917-232-9070.

היכל הקודש ארץ ישראל

## ספר "קדושת ישראל" פון מוהרא"ש זי"ע ווערט פריש איבערגעדרוקט

געלויבט דעם אייבערשטן, אז נאך אסאך יארן וואס מען האט אלץ איבערגעדרוקט קאפיעס פונעם ערשטן דרוק פונעם ספר "קדושת ישראל", האט מען יעצט פולקאם איבערגעמאכט דעם ספר פון דאסניי.

מען האט פריש איבערגעשריבן די הייליגע ווערטער, הערליך אויסגעשטעלט מיט שיינע קלארע אותיות, פריש מנוקד געווען, דורכגעגאנגען א גוטע הגה, אזוי אויך האט מען גוט איבערגעקוקט אלע מראי מקומות, זיכער צו מאכן אז עס איז גוט צוגעצייכענט, וואס דאס אליינס איז געווען אן ארבעט פון עטליכע חדשים. דאס האט מען געמאכט מיטן ציל עס זאל ארויסקומען ווי יעדע חסידיש ספר, וואס זאל אנקומען איבעראל.

דער ספר "קדושת ישראל" רעדט זייער שטארק איבערן ענין פון "קדושת הברית", אלע וואס האבן שוין געלערנט דעם הייליגן ספר זענען עדות אז דער ספר איז ממש "ביטול הבחירה". כאטש אלע ספרים פון מוהרא"ש זי"ע זענען זייער שטארק מעורר און מחזק דעם מענטש צוריק צו קומען צום אייבערשטן, איז אבער דער ספר ממש אן אויסנאם.

עס ווערט פארציילט אז מוהרא"ש זי"ע האט געזאגט פאר דער וואס האט געדרוקט דעם ספר צום ערשטן מאל, "ווייסט האבן דערויף גאר אסאך מניעות, ביזט גרייט דערויף?".

פאר טויזנט שקל (בערך $315) קען מען ווערן שותף מיטן דרוקן דעם הייליגן ספר (מען וועט קענען אריינלייגן א נאמען און לע"נ ביים סוף ספר)

פאר צען טויזנט שקל (בערך $3150) קען מען אפקויפן דעם נאמען פונעם מהדורה.

צו מנדב זיין קען מען דרוקן אויף דעם לינק
www.matara.pro/nedarimplus/online/?mosad=2812745
פאר קעש נדבות קען מען רופן 011-52-7644-664

כולל
היכל
הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

בעזרת השם יתברך

לכבוד ידידינו היקרים תומכי כוללינו

# מסיבת הכנה

מיט'ן אייבערשטן'ס הילף וועט פארקומען א

מיט'ן ציל צו אויפארבעטן די
## מאקסימום שטיצע

די מסיבת הכנה וועט בעזרת השם פארקומען
## מיטוואך פ' תולדות

אין שטוב פון
מו"ה **יחזקאל סאמעט** נ"י

**562 willoughby ave #3**
Between Marcy and Tompkins

**8:00 pm**

צום בעפארשטייענדן טיי אווענט אין שטוב פון
ר' **אליעזר שטרויס** נ"י

כולל
היכל
הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

בעזרת השם יתברך

מיט פרייד טוען מיר מודיע זיין
פאר אנשי שלומינו היקרים

## תושבי וויליאמסבורג

די יערליכע

# מזו"ז אווענט

## לטובת כוללינו

ווענט פארקומען מיט'ן
אייבערשטן'ס הילף
בבית ידידינו היקר

## אליעזר שטרויס

אין די נאנטע טעג וועט די
הנהלת הכולל אנאנסירן

## מער פרטים איבער די גייסטרייכע מסיבה

וואס אנטשפרעכט צו זיין אן אווענט
וואס וועט פארשאפן בעזרת השם
עונג ונחת פאר אלע באטייליגטע

For sponsorship opportunities:

**347.675.8187**

thekolel.com

# מעשיות פון תפילה



## אברהם דוד לאקס:

עס איז געווען ערב די צווייטע טעג יום טוב סוכות. איך בין אריין געפארן אין וויליאמסבורג צו זיין ביים ראש ישיבה אויף יום טוב, איך בין איינגעשטאנען אין בעדפארד גארדענס, איך קום אן אהין און איך הייב אן זיכן פארקינג. איך בין אריינגעפארן ביי די פארקינג וואס איז צוגעשטעלט אינטערן בנין און דער גארד קומט מיר זאגן אז מען קען נישט דא פארקן, זאג איך אים איך לייג נאר אראפ מיינע זאכן דערנאך וועל איך רוקן די קאר, שכח אייבערשטער ער האט מסכים געווען מיך צו לאזן פארקן כאטש פאר א קליינע צייט.

איך קום צוריק אראפ צו אוועקריקן די קאר האב איך געטראכט איך קען דאך בעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר דא לאזן פארקן פאר גאנץ יום טוב, אזוי האב איך געטוהן, שטילערהייט האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר לאזן דא פארקן איך גיי צו אים און איך פרעג אים "איך קען אפשר דא פארקן מיין קאר פאר צווי טעג"? רופט ער זיך אן צו מיר "א עס איז נישט קיין שום פראבלעם" פלאי פלאים וויאזוי ער האט געטוישט זיין מיינונג פון פריער ביז יעצט, דאס איז נאר געווען ווייל איך האב געבעטן דעם אייבערשטן. שכח אייבערשטער!

## יצחק אייזיק ראטה:

דעם פארגאנגענעם שבת פרשת חיי שרה איז דער ראש ישיבה געווען מיט אונז אין שטעטל. מוצאי שבת ווען דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט דעם דף גמרא, האט זיך מיין זון געשפילט אינדרויסן פון שול, און איך האב זייער שטארק געוואלט וויסן וואס ער טוט דארט, אבער איך האב מיך נישט געוואלט אויפשטעלן אינמיטן די שיעור ווייל ס'איז נישט קיין דרך ארץ, און אויך בין איך געזיצן ממש אינטער די קעמערע וואס כאפט אפ דעם שיעור, וואס טוט מען דא?

האב איך זיך דערמאנט אז איך קען בעטן דעם אייבערשטן, האב איך געבעטן "הייליגער באשעפער העלף איך זאל וויסן וואס מיין זון טוט אינדרויסן, העלף אלעס זאל זיין גוט". איך ענדיג די קליינע תפילה, און מיין יונגל שפאצירט אריין אין שול און זעצט זיך אראפ נעבן מיר. שכח אייבערשטער.

## פנחס דוד וועבערמאן:

פרייטאג צונאכטס פרשת חיי שרה, איז געווען גאר שטארקע ווינטן דא אין שטעטל, און די לעקטער האט זיך אפגעהאקט וועגן דעם, און ווען עס איז נישט דא קיין לעקטער איז זייער טונקל דא אין שטעטל און עס איז זייער שווער צו זען וואו מען גייט אויפן גאס, בפרט ווען מען האט א בעיבי זיך אפצוגעבן איז עס נאך שווערער.

איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די לעקטער זאל ווערן פאררעכטן, זיכער האבן אלע משפחות פון שטעטל אויך געבעטן אז די לעקטער זאל זיך אנצונדן, שכח אייבערשטער אז נאך אפאר שעה האט זיך די לעקטער אנגעצונדן. שכח אייבערשטער!

## משה עקשטיין:

איין טאג זעץ איך זיך אריין אין מיין קאר, און איך זע אויפ'ן סקרין אז מיין רעדל האט ווייניג לופט, בין איך געגאנגען עס אנפולן. סוף טאג בין איך ווידער אריין אין קאר און עודך, ס'איז שוין ווייטער ליידיג פון לופט, איך האב מיך געוואונדערט וואס דאס מיינט אבער איך האב נישט צוגעלייגט קאפ. דעם נעקסטן צופרי זעה איך ווייטער אז די רעדל האט כמעט שוין נישט קיין לופט, איך בין שנעל געגאנגען עס אנפולן, אזוי האט זיך איבער גע'חזר'ט דריי מאל אין איין טאג.

יענעם טאג האב איך פונקט געהערט 'קול ברסלב' די מעשיות פון תפילה, הער איך ווי איינער פארציילט אז ער האט פונקט געהאט דאס וואס איך האב מיט מיין רעדל און ער פארציילט אז ער האט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל אנקומען צו פאררעכטן דאס רעדל, און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, האב איך זיך דערמאנט אז איך קען אויך בעטן דעם אייבערשטן, האב איך אזוי געטון, און געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן דעם פראבלעם מיט'ן רעדל און עס פאררעכטן.

איך האב געגרופן 'חברים' און ער זוכט אויף דעם לאך פון וואו די לופט האלט און איין ארויסגיין אבער ער טרעפט נישט קיין לאך אלעס קוקט אויס גוט מיט'ן רעדל. האב איך ווייטער געבעטן אז מ'זאל טרעפן דעם פראבלעם. ביז נאך אפאר מינוט האט ער באמערקט אז דו ראם פונעם רעדל איז אביסל צובויגן און די לופט איז ארויס פון דארט. איך האב גערדארפט יעצט קויפן א נייעם ראם און ס'איז שוין פאר שבת, האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן א ביליגע פלאץ וואס זאל עס מאכן נאך פאר שבת.

שכח אייבערשטער אז איך האב געטראפן א נאנטע פלאץ וואס האט מיר ארויפגעלייגט א נייעם ראם פאר גאר ביליג.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א ברייוו



## פונעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

הַאלְט אַ פּוּשְׁקֶע בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב, אַרְבֶּעט אוּן אִין קַאר. וֶוען דוּ דַארְפְסְט אַ יְשׁוּעָה לֵייג אַרַיין אַ פְּרוּטָה אִין דִי צְדָקָה פּוּשְׁקֶע אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן פּ): "הַצְּדָקָה מַמְתִּיק הַדִּין", **אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה נֶעמְט מֶען אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים.**

דִי קְלֵיינֶע פְּרוּטוֹת וָואס מֶען לֵייגְט אִין פּוּשְׁקֶע אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶס קְלַייבְּט זִיךְ אָן אַ פְּרוּטָה אוֹיף אַ פְּרוּטָה בִּיז עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע פַּאנְצֶער, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:): אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ נט, יז): "וַיִּלְבַּשׁ צְדָקָה כַּשִּׁרְיָן", פוּן דִי צְדָקָה וָואס מֶען גֶעבְּט וֶוערְט אַ פַּאנְצֶער; וֶוער עֶס וֵוייסְט וִוי אַזוֹי אַ פַּאנְצֶער זֶעט אוֹיס, דָאס אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ אַייזְן אוּן דָאס מַאכְט אַז דִי פַּייל זָאל נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ נָאר עֶס זָאל זִיךְ אַרָאפְּגְלִיטְשְׁן, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ צְדָקָה, דִי אַלֶע פְּרוּטוֹת וָואס מֶען גֶעבְּט נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אוּן עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער פַּאנְצֶער צוּ בַּאשִׁיצְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר בַּארֶעד נִישְׁט קֵיינֶעם; אַז אֵיינֶער הָאט דִיר בַּאעַוְלָה'ט דַארְפְסְט דָאס נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע, אַז אֵיינֶער אִיז דִיר שׁוּלְדִיג גֶעלְט זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט מְבַזֶּה זַיין פַאר אַנְדֶערֶע. **מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ'ס גֶעפִילְן**, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי חָשׁוּב אַ אִיד אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ; אוֹיבּ טוּט מֶען וֵויי אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אוּן דֶער צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ גֶעבְּט אַ גֶעשְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶען הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ זַיין גֶעשְׁרֵיי.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ בַּארֶעדְן אַ צְוֵוייטְן; מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע. עֶנְדֶערְשׁ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְצֵייל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דִיר שׁוּלְדִיג גֶעלְט אוּן זֵיי מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן.

אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט גֶעוִויסְט אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֶעטְרוֹיעֶן מֶענְטְשְׁן, הָאבּ אִיךְ אַוֶועק גֶעבָּארְגְט פַאר מֶענְטְשְׁן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיינְס וִויפִיל מֶענְטְשְׁן בַּאצָאלְן... רוֹב זֶענֶען גֶעבְלִיבְּן שׁוּלְדִיג אוּן זִיךְ נִיטְאַמָאל וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט. וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן גֶעהֶערְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אייבערשן אַז דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת זָאלְן מִיר בַּאצָאלְן אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, כִּמְעַט אַלֶע הָאבְּן שׁוֹין בַּאצָאלְט. דָאס זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען דִיר שׁוּלְדִיג זָאלְן הָאבְּן שֶׁפַע אוּן אַרוֹיס גֵיין פוּן זֵייעֶרֶע חוֹבוֹת. בָּארְגְן גֶעלְט אִיז אַ מִצְוָה, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען בַּארֶעדְט יֶענֶעם אוּן מֶען פַארְצֵיילְט פַאר אַלֶעמֶען וֶוער אוּן וָואס יֶענֶער אִיז, אִיז יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן; **אִיךְ הָאבּ לִיבּ יֶעדְן תַּלְמִיד** אוּן אִיךְ וִויל אַז אִיר זָאלְט זִיךְ אוֹיךְ לִיבּ הָאבְּן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**



## חידות

### אפטיילונג

דער הייליגער רבי זאגט: אז מען געבט צדקה נעמט מען אוועק פון זיך:

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. אלע דינים

ב. אלע שלעכטע מחשבות

ג. טרויעריגקייט

ד. דאגות

**פאלגענדע און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**פאלגע:** דער הייליגער זוהר זאגט: געלט לאבט צו מענטש אין די יונגע יאר, און שפעטער:

**ענטפער:** **הרג'עט עס דעם מענטש**

דער געווינער פון פאריגע וואך איז

**בנימין זאב זוסמאן נ"י - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**משולם נחמן פינטער הי"ו וזוגתו תמר תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַזוֹי וִוי אִיר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז עֶס אִיז דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס צִיעֶן אַרוֹיף דִי פְּרַייזְן פַאר גוֹי'טֶעס, דִי גוֹי'טֶעס לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס טְרָאגְן זִיךְ אָן צוּ צָאלְן מֶער, נָאכְדֶעם קֶען מֶען נִישְׁט נָאכְקוּמֶען דִי פְּרַייזְן; ווייל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אוּן אַלֶע אִינְאֵיינֶעם זָאלְן אָפְּמַאכְן אַז קֵיינֶער צָאלְט נִישְׁט מִיט אֵיין פְּרוּטָה מֶער וִויפִיל מֶען מַאכְט אָפּ, אוּן אַז מֶען וֶועט זַיין שְׁטַארְק, מֶען וֶועט אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם - וֶועלְן זֵיי אַרָאפְּקוּמֶען מִיט דִי פְּרַייז.

**עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי פְּרַייז.**

אִיךְ הָאף אִיר הָאט הַנָּאָה גֶעהַאט פוּן דִי אֲסִיפַת הוֹרִים, פוּן דִי שִׁיעוּר; אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בַּנַּחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ.




# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵו, ג' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק בְּתִקּוּן הָעוֹלָם, לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַּי; דוּ פַּארְשְׁפְּרֵייטְסְט אֱמוּנָה, דוּ טְרוּנְקְסְט אָן בֵּיימֶער; דוּ פָּאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָגֵר (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מַעֲשֶׂה ג): "מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, פַּאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז זֵיי זָאלְן אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער; אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן: 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'".

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה"; אוּן מֶען דַארְף עֶס אָנְטְרִינְקֶען מִיט אֱמוּנָה.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דַיין נוּמֶער, וֶוער עֶס וִויל בַּאקוּמֶען אִין פָּאסְט אַלֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף אַ יוּ עֶס בִּי זָאל אַרַיינְרוּפְן אוּן דוּ וֶועסְט דָאס שִׁיקְן אָן קַיין פְּרַייז, נָאר שְׁרַייבְּן מֶען זָאל שִׁיקְן צְדָקָה וִויפִיל מֶען וִויל גֶעבְּן; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר, אַז דוּ בִּיסְט גְרֵייט דָאס צוּ מַאכְן וֶועסְטוּ נָאר פַארְדִינֶען פוּן דֶעם.

אַלֶע מֵפִיצִים וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה לְשֵׁם הֲפָצָה, זֵיי זוּכְן נִישְׁט גֶעלְט, זֵייעֶר קָאפּ לִיגְט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ - דִי זֶענֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ. דִי וָואס טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט זֶענֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ, עֶס אִיז דָאךְ אַן הַבְטָחָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ: "וֶוער עֶס וֶועט גֵיין הֲפָצָה וֶועט הָאבְּן גֶעלְט אִין טַאשׁ"; אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי מַצְלִיחַ וִוי דִי וָואס דִי קָאפּ לִיגְט אִין אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, דִי וָואס טְרַאכְטְן 'וִוי קֶען מֶען מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ אִיד? וִוי קֶען מֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' - דִי זֶענֶען מַצְלִיחַ.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֶעבּ אִיבֶּער אַ וַוארֶעמֶע גְרוּס פַּאר אַלֶע חֲבֵרִים אִין שׁוּל וּבִפְרַט פַאר דִי וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## א מעשה פון הפצה

א איד אין מאנטריאל וואס באקומט פון מיר יעדע שטיק צייט די גליונות וואס קומט ארויס אין קהילות היכל הקודש, האט געוואלט זייער שטארק באקומען די גליונות שבת קודש פרשת לך לך, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל אנקומען צו אים די גליונות.

שבת צופרי איז ארײַן אין מיין קאפ א געדאנק צו גיין צו א קידוש אין די געגנט וואו דער איד וואוינט, וואס נארמאל גיי איך קיינמאל נישט אהין, למעשה בין איך שוין אנגעקומען נאכן קידוש, אזוי שפאצירנדיג אהיים, טראכט איך צו מיר אז איך בין שוין יא דא, לאמיר שוין מאכן הפצה, לאמיר שוין געבן גליונות פאר דעם איד וואס וואוינט דא אין די געגנט און באקומט פאר מיר די גליונות יעדע שטיק צייט.

איך האב געהאט ביי מיר אין טאש דעם קונטרס עצתו אמונה, און אויך גליונות, איך האב אויך געוואלט געבן פאר נאך א איד, אבער איך האב נישט געוויסט פאר וועם צו געבן די עצתו אמונה און פאר וועם צו געבן די גליונות, דער איד האט זייער שטארק געדארפט די גליונות.

איך קלאפ ארײַן ביי דעם איד און איינער פון די משפחה עפנט אויף און איך געב איבער דעם פעקל גליונות וואס איך האב געהאט ביי מיר אין טאש, יענער באדאנקט זיך און איך גיי ווייטער.

נאך שבת האב איך צוריק געהערט פון דעם איד אז דא איז געווען א שיינע מעשה פון תפלה, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אנקומען צו אים די גליונות, האט דער אייבערשטער געפירט איך זאל דארט גיין צו א קידוש, און איך זאל 'אים' געבן די גליונות און פארן אנדערן איד געבן די עצתו אמונה.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## "הדלקת נר חנוכה היכל הקודש" ווערט פריש איבערגעדרוקט דורכן "קרן הדפסה"

מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די פריילכע נייעס ביי אנשי שלומינו בכלל און ביי די מפיצים בפרט, אז דער "קרן הדפסה היכל הקודש" גייט אט אט צום דרוק אויפן נייעם איבערגעארבעטן "סדר הדלקת נר חנוכה".

דער "סדר הדלקת נר חנוכה היכל הקודש" וואס ווערט יאר יערליך צוכאפט ביי אנשי שלומינו, אנטהאלט די סדר הדלקת נר חנוכה, מיט שיינע שטיקלעך פון מוהרא"ש זי"ע צוזאם גענומען פון די פילע ספרים, שיינע געדאנקען און חיזוק ווערטער וואס וועקט אויף א איד אויסצונוצן די גרויסע צייט ביים צינדן די הייליגע חנוכה ליכט, און איבער די גרויסע עת רצון וואס מ'קען דעמאלטס פועלן גאר גרויסע זאכן.

אויך אנטהאלט עס פילע גאר ווארימע תפילות אויף פארשידענע ענינים ווי אויף גוטע קינדער, אויך שידוכים, פרנסה, וואס מוהרא"ש האט געשריבן אויף יום טוב חנוכה. די תפילות עפענען אויף דאס הארץ צום אייבערשטן, און פועלן גאר גרויסע ישועות.

נאך אן ארבעט פון עטליכע חדשים, האלט מען שוין אט דא אז מען גרייט זיך שוין צו גיין צום דרוק. מען האט אלעס פריש איבערגעארבעט, דער דעזיין, די אויסשטעל, די אותיות, און מיט א גוטע הגה. אויפן שטייגער ווי מען האט איבערגעמאכט די "הגדה של פסח", און דער "תיקון ליל שבועות".

פארשטייט זיך אז דאס ציעט אריין אין גרויסע הוצאות. מען קען נעמען א חלק און דעם גרויסן איינמאליגן זכות. פאר בלויז $500 קענט איר האבן א זכות אינעם ספר.

צו מנדב זיין רופט דעם "קרן הדפסה" אויף 718-387-2691 #103 אדער שיקט א אימעל צו donate@kerenhadfusa.org.

# בילדער פון קרן הדפסה



טויזנטער גליונות ווערט געדרוקט יעדע וואך




נייע ענגלישע קונטרס ארויס פון דרוק



מען דרוקט די נייע קונטרסים

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **שאול יצחק גאנץ**<br>מאנסי | **ארי' זיידענפעלד**<br>לעיקוואד | **משה מארקאוויטש**<br>בארא פארק |
| **יעקב יאקאבאוויטש**<br>קרית ברסלב | **מרדכי סאלאמאן**<br>לאנדאן | **יואל לעווי**<br>וויליאמסבורג |
| **אברהם חיים וויזעל**<br>קרית יואל | **חיים מיללער**<br>לעיקוואד | **שלמה לעבעוויטש**<br>מאנסי |
| **יעקב דוב כהן**<br>קרית יואל | **מענדל טירנויער**<br>קרית יואל | **מרדכי לייב טירנויער**<br>קרית יואל |

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** | email: **donate@kerenhadfusa.org** | whatsapp: **518.966.2370**

# א מעשה
## פון א צדיק



### מעשה פון הייליגן בעל שם טוב זי"ע

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט דִי פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה: אִין דִי צַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיז גֶעוֶוען אַ עֶרְלִיכֶער יוּנְגֶערְמַאן, אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן חַרִיף, וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט זִיךְ מִיט אִים גֶעטְשַׁאטְשְׁקֶעט, יֶעדֶער הָאט אִים זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען, עֶר אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵּד אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

וַיְהִי הַיּוֹם, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזֶעהְן וָואסְפַאר אַ הֵיילִיגֶע גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט, [בֶּאֱמֶת הָאט יֶעדֶער אִיד אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, אוּן יֶעדֶער אִיד אִיז אַ דֵיימַאנְט, נָאר דָאס אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט מַארַאסְט אוּן שְׁמוּץ, בִּיז עֶס קוּמְט אַ צַדִיק, אוּן לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ אִין דִי טִיפֶענִישׁ אוּן נֶעמְט אִים אַרוֹיס פוּן זַיין גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע, אוּן וַואשְׁט אִים אוּן רֵיינִיגְט אִים אָפּ פוּן דִי בְּלָאטֶע וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ, דֶעמָאלְטְס זֶעהְט מֶען וָואסְפַארַא שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע דֵיימַאנְט עֶר אִיז]. אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים מֶען זָאל זֶעהְן צוּ בְּרֶענְגֶן דֶעם יוּנְגֶערְמַאן צוּ אִים.

עֶנְדְלִיךְ הָאט מֶען אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ, אָבֶער דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט אִים אַלְץ אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט אוּן מְרַחֵק גֶעוֶוען, אוּן גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אִים, דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַעַת, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט שְׁטֶענְדִיג צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אוּן דָא גֵייט אִים שׁוֹין דוּרְךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג מִיט בִּיטוּל תּוֹרָה, [וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען, בִּפְרַט אַז עֶר לֶערְנְט לוֹיטְן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד' פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר זֵייעֶר לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, אוּן דָאס אִיז זַיין בֶּעסְטֶע פַארְגֶענִיגְן] אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט צוּרִיק אַהֵיימְפָארְן, דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט.

דֶעמָאלְטְס הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעזָאגְט: זָאלְסְט וִויסְן אַז יֶעצְט וֶוען דוּ וֶועסְט צוּרִיק אַהֵיים גֵיין וֶועט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן אוֹיף דִיר, אוּן אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע מְדִינָה וֶועט רֶעדְן אוֹיף דִיר, אוֹיךְ דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיף דִיר רֶעדְן, אוּן אֲפִילוּ 'עוֹפוֹת' וֶועלְן דִיר שְׁטֶערְן. [דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט שׁוֹין מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אוֹיף אִים אַזַא 'רוּחָנִיוּת', אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ.]

וִוי נָאר עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען, הָאט טַאקֶע דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן אוֹיף אִים, דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין אִים, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אוֹיף אִים כָּל דָּבָר אָסוּר, אוּן אַזוֹי אַלֶע שְׁכֵנִים, נָאכְדֶעם דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, נָאכְדֶעם דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן, אֵיין טָאג וֶוען דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט שְׁטֶעלְן דַאוֶונֶען מִיט אַ הִתְלַהֲבוּת אוּן אַ חַיוּת, אִיז אַ אִינְדִיק [טֶערְקִי] אַרוֹיפְגֶעטַאנְצְן אוֹיף אִים, אוּן אִים צוּשְׁטֶערְט דָאס גַאנְצֶע דַאוֶונֶען, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן עֶר הָאט אִיר פַארְטְרִיבְּן, אוּן וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט צוּ דַאוֶונֶען, אָבֶער נָאכְדֶעם וָואס דֶער אִינְדִיק אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע מָאל אוּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט נֶעמֶען אַ הַאק, אוּן אִיר אָפְּהַאקְן דָאס קָאפּ: גֶענוּג אַז מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דִי שְׁכֵנִים מִיט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט קְרִיגְן אוֹיף מִיר, דַארְף אִיךְ נָאךְ לַיידְן פוּן אַן אִינְדִיק אוֹיךְ?!

דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעהַאלְטְן, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: אֲפִילוּ עוֹפוֹת וֶועלְן אוֹיף דִיר קְרִיגְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ אַיינְהַאלְטְן.

(גענומען פון קונטרס "א סוף צו די צרות")

טייערע ליינער! וועלכע מוסר השכל האסטו ארויס גענומען פון די מעשה?
שיקט אריין צו די מערכת אויף 845-379-1161
אדער צו breslevofficeliberty@gmail.com

**מוסר השכל פון פאריגע וואך**

חי' צירל פורסט תחי' - קרית ברסלב: א) יחוד איז א הארבע זאך ב) אויב מען דערהאלט זיך באקומט מען א שידוך ג) א קונץ איז אויפצוהייבן א מענטש, נישט אראפווארפן.



# דעם רבינ׳ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 8

פארזעצונג פון פריער:

דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן שִׁיף צוּ פָאְרן קַיין חַרְסוֹן, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר שָׁבוּעוֹת.

...

אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט חַרְסוֹן, שָׁבוּעוֹת בַּייַנאכְט אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע נַאכְט וִוי דֶער מִנְהָג אִיז, אוּן פַארְ׳ן עֲלוֹת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר׳ יִצְחָק, אוּן אוֹיפְ׳ן גַאנְצְן וֶועג צוּ דִי מִקְוֶה הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעפְרֶעגְט כְּסֵדֶר, "דוּ הֶערְסְט עֶפֶּעס קוֹלוֹת?", הָאט ר׳ יִצְחָק גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הֶערְט גָארְנִישְׁט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, "וִוי אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ אַז דוּ הֶערְסְט נִישְׁט יֶעצְט קַיין קוֹלוֹת?".

גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער צוּם מִקְוֶה הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אֶפְשָׁר הֶער אִיךְ אַ קוֹל פוּן אַ קַאפֶּעלְיֶע?", ר׳ יִצְחָק הָאט אָבֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הֶערְט נִישְׁט קַיין קוֹל פוּן אַ קַאפֶּעלְיֶע, אוּן בִּכְלַל הֶערְט עֶר גָארְנִישְׁט קַיין קוֹלוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט דֶערוֹיף.

ר׳ יִצְחָק הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי הֶערְט יֶעצְט דִי קוֹלוֹת וּבְרָקִים פוּן מַתַּן תּוֹרָה.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין מִקְוֶה הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶע׳טוֹבְלְ׳ט זֵייעֶר אַסַאךְ טְבִילוֹת, אוּן בַּיים אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן מִקְוֶה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּקּוּנֵי זֹהַר, תִּקּוּן ל״ג) "אִית יִרְאָה וְאִית יִרְאָה וְכוּ׳", אַז סְ׳אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט יִרְאוֹת, בִּין אִיךְ יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז סְ׳אִיז דָא נָאךְ אַ יִרְאָה, וָואס דָאס אִיז נָאךְ פִּיל הֶעכֶער אֲפִילוּ פוּן "יִרְאָה עִלָּאָה" וָואס וֶוערְט דָארְט דֶערְמַאנְט אִין זֹהַר. וַוייל יֶעצְט הָאבּ אִיךְ מַשִּׂיג גֶעוֶוען אַזַא סָארְט יִרְאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע אוּן שְׁטַארְקֶע יִרְאָה אוּן פַּחַד".

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קמ״ח) אַז דִי מִדַּת הַיִּרְאָה אַלֵיין הָאט אוֹיךְ מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט אוֹיס אַז דִי יִרְאָה אַלֵיין הָאט אוֹיךְ אַ יִרְאָה, אוּן דִי צְוֵוייטֶע יִרְאָה הָאט דָאךְ אוֹיךְ מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶס אוֹיךְ אַ יִרְאָה, אוּן אַזוֹי גֵייט אֵיין יִרְאָה אַרַיין אִינֶעם צְוֵוייטְן, הֶעכֶער הֶעכֶער אָן קַיין סוֹף, [זֶע דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה דָארְט אִינֶעוֵוינִיג אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן].

יֶענֶעם יָאר פַאר שָׁבוּעוֹת, אוּם ד׳ סִיוָן, שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, אִיז דֶער קֵייזֶער נַאפָּאלְיָאן פוּן פְרַאנְקְרֵייךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיט שִׁיפְן צוּ פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט מִצְרַיִם. אוּן כָאטְשׁ וָואס דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַבִּיסְל בִּלְבּוּלִים אוּן פְּחָדִים אִינֶעם גַאנְצְן גֶעגְנְט, הָאט דֶער רֶבִּי אָבֶער בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי נְסִיעָה, עֶר וֶועט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שוּם זַאךְ.

גְלַייךְ נָאךְ שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן מִיט אַ שִׁיף פוּן שְׁטָאט חַרְסוֹן צוּם שְׁטָאט אָדֶעס.

אִין יֶענֶע צַייטְן אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען נִישְׁט גֶעפָארְן דוּרְךְ אָדֶעס, וַוייל מְ׳הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ פָארְן דָארְט, מְ׳הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער יַם אִיז דָארְט מְסוּכָּן. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער פַארְשְׁטַאנֶען מִיט זַיין גְרוֹיס חָכְמָה אַז סְ׳אִיז בֶּעסֶער צוּ פָארְן דוּרְךְ אָדֶעס קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, טֶערְקֵיי, פַאר אַסַאךְ סִיבּוֹת. אֵיינְס, וַוייל דֶער וֶועג אִיז פִּיל שְׁנֶעלֶער פוּן דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע וֶועג וָואס מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן דֶעמָאלְט פָארְן דוּרְכְ׳ן שְׁטָאט גַאלַאץ [גַאלִיטִי, הַיינְט אִין רָאמֶענְיֶע], אוּן אוֹיךְ לֵייגְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין דִי סַכָּנָה וָואס אִיז דָא דָארְט אִין גַאלַאץ, וֶוען מְ׳גֵייט אַרָאפּ פוּנְ׳ם טַייךְ טוּנַא [דַאנוּבֶּע] צוּם יַם, וָואס וִוי בַּאקַאנְט אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. דֶערְפַאר אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אוֹיף יֶענֶעם וֶועג, נָאר עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ נֵייעֶם וֶועג צוּ פָארְן דוּרְךְ אָדֶעס קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז דָאס גֶעוָוארְן אַן אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶער וֶועג פַאר יֶעדְן, אוּן יֶעדֶער פָארְט שׁוֹין דוּרְךְ דָארְט.

אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין אָדֶעס, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן פַאר ר׳ יִצְחָק, זַיין בַּאגְלֵייטֶער, עֶר זָאל אִים גֵיין קוֹיפְן אַסַאךְ פַּאפִּיר מִיט טִינְט צוּם שְׁרַייבְּן.



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

חלק א'

~ שבת פרשת נח תשפ"ב ~

ש'כח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכיה צו עסן דעם שבת קודש פרשת נח ביים ראש ישיבה שליט"א. עס איז געווען א הערליכע סעודה, יעדע מינוט פון די סעודה איז געווען אזוי געשמאק, און אזוי פרייליך, יעדער האט אזוי הנאה געהאט.

ווען איך בין אנגעקומען האט דער ראש ישיבה געהאלטן אין זיין הענט די עצתו אמונה פון די וואך, און אלע קינדער זענען געזיצן ארום און זיך צוגעהערט ווי דער ראש ישיבה פארציילט פאר די קינדער די מעשה פון עצתו אמונה. און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט די מעשה: ביי די חסידות מאכט מען חוזק פון יענע חסידות, און ביי יענע חסידות מאכט מען חוזק פון א אנדערע, אבער אין ברסלב מאכט מען נישט חוזק פון קיינעם!

עס איז געווען דארט אין די הויז א גרויסע פליג, און עס איז ארומגעפלויגן ארום יעדן איינעם, און די ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: ס'איז גארנישט, אין די תיבה איז אויך געווען פליגן.

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן צו זינגען זמירות, און די קינדער האבן מיטגעזינגען. דער ראש ישיבה האט פארגעהאלטן איינער פון די קינדער וואס האבן נישט מיטגעזינגען פארוואס ער זינגט נישט מיט, דער הייליגער רבי האט דאך געהייסן זינגען זמירות.

די ראש ישיבה געהייסן די קינדער צאמפאקן די שפילצייג, און איינער פון די קינדער האבן זיך אנגערופן, "אבער יענע קינד פאקט נישט צאם"... האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אויב יענער פאלגט נישט, דעמאלטס פאלג דו...

דער ראש ישיבה'ס ווייב האט זיך געשעמט ווייל די בעכער איז נישט געווען געפוצט, אבער דער ראש ישיבה האט איר בארואיגט און געזאגט "לאמיר טראכטן למשל ס'איז אנטיק"... די קינדער האבן געפרעגט, וואס מיינט אנטיק? און דער ראש ישיבה האט זיי מסביר געווען.

דער ראש ישיבה'ס קינד פון צוויי יאר האט געבלאזן, און וואס מען האט אים געפרעגט האט ער געשאקלט מיט זיין אקסל. האט דער ראש ישיבה אים נאכגעמאכט און געזאגט 'מענדל מאך אזוי' (און דער ראש ישיבה האט געשאקלט די אקסל), דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר אלע קינדער זאלן שאקלען מיט די אקסל... יעצט האט ער עס מער נישט געקענט טון ווייל יעדער טוט עס שוין איז עס נישט אינטערעסאנט...

שפעטער האט דער ראש ישיבה עפעס געפרעגט פון מענדל, אבער ער האט נישט געענטפערט. און דער ראש ישיבה'ס ווייב האט זיך אנגערופן אז ער קען זייער גוט איגנארירן (זיך נישט וויסנדיג מאכן)... האט דער ראש ישיבה געענטפערט, די רבי זאגט אז דאס איז די בעסטע זאך צו טון ביי א מחלוקת, נישט צו ענטפערן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געפרעגט, ווער וועט אויפהייבן די בעכער די וואך? און די ראש ישיבה האט געזאגט אז די גאסט ... נ"י פון קאנאדע וועט אויפהייבן די בעכער. מען האט זיך אויפגעשטעלט פאר קידוש, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ביי קידוש דארף מען שטיין אזוי ווי ביי קדושה, נאר מען דארף נישט צאמלייגן די פיס. נאך קידוש האט זיך איינער פון די קינדער צוקלעמט זיין פינגער און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט 'טרינק גרעיפ דשוס וועט זיך עס אויסהיילן'.

נאכדעם האבן אלע קינדער געמאכט א שורה ביי די סינק, און דער ראש ישיבה האט יעדעם געוואשן. נאך די פיש האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר זיין ווייב, 'די חלה און די פיש איז געווען זייער פיין!'

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז א בחור האט אים געזאגט אז זיין זיידע שטייט אויף יעדן טאג פארטאגס, ער דאווענט ותיקין, דערנאך פארט ער אויף בארא פארק צו עסן פרישטאג מיט זיין מאמע. האט דער ראש ישיבה געזאגט, יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס ער האט אזעלכע גוטע אייניקלעך, ווייל ער איז אזוי מכבד זיין מאמע.

די קינדער האבן געשמועסט וועגן עפעס א עסן אויב זיי האבן עס יא ליב אדער נישט ליב, האט דער ראש ישיבה זיי געפרעגט, ווער ווייסט וואס איך האב ליב? און אלע קינדער האבן געשריגן, די אייבערשטער! פון וואו ווייסן ענק? האט דער ראש ישיבה זיי געפרעגט. און זיי האבן געענטפערט טאטי זאגט עס כמעט יעדן טאג, וועגן דעם ווייסן אונז אזוי גוט.

נאכדעם האט מען געזינגען זמירות און מען האט אריינגעברענגט די זופ. דער ראש ישיבה האט געפיטערט פאר די קליינע בעיבי זופ, און אים אויך געגעבן א שטיקל קניידל. און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז וואס מען געבט פאר די קינדער ווען זיי זענען קליין, דאס וועלן זיי עסן ווען זיי ווערן גרויס. איינער פון די קינדער האבן געפרעגט, מיך האט מען געגעבן זופ ווען איך בין געווען קליין? האט דער ראש ישיבה געזאגט אז יא. און דער ראש ישיבה האט געוויזן אויף איינער פון די קינדער און געזאגט אז אים האט מען נישט געגעבן קיין פיש ווען ער איז נאך געווען קליין, און יעצט ווייל ער נישט עסן קיין פיש.

נאך די זופ האט מען ארויסגעברענגט די מעשיות פון תפילה צעטלעך פון די קינדער, און דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשיות פון תפילה. אינמיטן זענען אפאר קינדער געגאנגען שפילן, און דער ראש ישיבה האט געזאגט 'קיינער הערט מיך נישט אויס'. ביז איין קינד האט געזאגט, טאטי איך הער יא אויס! האט דער ראש ישיבה ווייטער דערציילט די מעשיות פון תפילה.

# בילדער ארכיוון

## זכרונות פון סיום מסכת עירובין

מוצאי שבת תולדות - שנת תשפ"א






הלווים כאר און אידיש נחת קינדער כאר זענגען מהנה דעם עולם ביים סיום



דעם גרויסן ציבור ביים הערליכן סיום



הר"ר אלימלך שארף שליט"א ביים געבן זיין דרשה



הר"ר יוסף שניטצלער שליט"א ביים מסיים זיין די מסכתא



דער ראש ישיבה פארטיילט גמרות פאר אלע תלמידים




# בילדער
## אפטיילונג



דער ראש ישיבה שליט"א ביים זיצן מיט די הנהלה -
זונטאג חיי שרה



גרויסע חלוקה בײם בית התבשיל - ערב שבת חיי שרה





מען רוקט זיך פאראויס מיט די ארבעט אין תלמוד תורה, צו צולייגן פרישע קלאסן פאר די חשובע תלמידים





*זכרונות פון ראש השנה תשפ"ב*

אינעם רעכטן בילד זעהט מען מלוה מלכה מוצאי שבת נצבים ערב ר"ה - לינקס זעהט מען די פרייליכע ריקודין מוצאי ר"ה

UPSCALE LAYETTE AT WHOLESALE PRICES

# SECRET TO THE WELL DRESSED BABY

bambolìna

*Baby Boutique*

DYNAGRAFIK 845.352.1266

clothing | outerwear | blankets | jewelry | accessories | baby essentials | gifts

78 Denman Rd • Liberty, NY 12754 • 917 538 2832
open all year 'round • phone orders welcome

כולל היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

בעזרת השם יתברך

מיט פרייד טוען מיר מודיע זיין
פאר אנשי שלומינו היקרים

# תושבי קרית ברסלב
## ליבערטי יצ"ו

די יערליכע

# מזל טוב אווענט

## לטובת כוללינו

אין די נאנטע טעג וועט די
הנהלת הכולל אנאנסירן

## מער פרטים איבער די גייסטרייכע מסיבה

וואס אנטשפרעכט צו זיין אן אווענט
וואס וועט פארשאפן בעזרת השם
עונג ונחת פאר אלע באטייליגטע

וועט פארקומען מיט'ן
אייבערשטן'ס הילף
בבית ידידינו היקר

## ר' יצחק אייזיק ראטה הי"ו

For sponsorship opportunities:

**347.675.8187**

thekolel.com